Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

א.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

# א.

פון פירשטן און באַראָנעץ שטאַם איך נישט. מיין משפחה איז נישט קיין מאַטעריאַל פאר געשיכטע-שרייבער. מיין פאָטער איז דער זון פון עפעס אַ ר׳ לייזער עליו־השלום — מיט דעמדאָזיקן טיטל איז ער עולה־לתורה — און מיין מוטער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אינם הויז פון ר׳ ברוך, ר׳ ברוך גאָלדעס, ר׳ ברוך שענקער.

דעמדאָזיקן ר׳ ברוך דערמאָנען די איינוואוינער פון צ. מיין געבורט-שטאָט, עד היום מיט אַ קרעכץ, אַזעלכע יידן ווערן וואס אַמאָל ווייניקער.

ער איז מיר אָפּגעשטאָרבן, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליינער יונגל, און פון זיין אויסזען זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון בלויז זיין געקנייטשטער שטערן און זיין שוואַרצע, סעמיטישע באָרד. און וואָס סאיז שייך פאַקטן און געשעענישן קומט מיר אַמאָל אויף אין זכרון, און דאָס אויך אָפּגעהאַקט און מטושטש, ווי פון אַ נעפּל ארויס, מיין אָנקומען אין חדר, צו פינפטהאַלבן יאָר פון מיין לעבן, ביי וואס דערזעלביקער ר׳ ברוך האָט געזאָגט: „זאָל זיך יערמיק גיין שפּילן אין חדר צו ישראלן, דעם דרדקי-מלמד; אַן אָרימאַן אַ ייד דאַרף האָבן פרנסה״. נאָך עפּעס: יעדן טאָג פאַרנאכט פלעג איך

---

*) דידאזיקע דערציילונג איז געשריבן געווארן אין יאר תרס״ב.

זיצן אויף דער שוועל פונם בית־מדרש, דאָרטן אין דעד ווייבער-שול איז געווען אונזער „חדר“, און פלעג וואָרטן אויף דעמדאָזיקן „זיידע“ מיינעם מיט אומגעדולד. ווען ער פלעגט קומען דאַווענען מנחה פלעגן די קעשענעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע זיין פול מיט פלוימען, באַרן, קאַרשן... פאַר מיר. קען זיין, אז דידאָזיקע שטיקלעך זכרונות שווימען מיר אויף, ווייל זיי פלעגן שפּעטער דערמאנט ווערן ביי אונז אין שטוב, ווען איך בין שוין אויסגעוואַקסן: אין שעהן פון אומעט און איינזאַמקייט פלעגן אַזעלכע מיני זכרונות זיין זייער באַ־ליבט ביי מיין מאַמען, אָנצוהויבן מיט זיי אירע שמועסן מיט מיר.

— געדענקסט, ירמיה, ווי ער פלעגט דיך ביינאַכט צו־דעקן מיט זיין שוואַרצן כאַלאט ?..

אין דער צייט פון זיין לעצטער קרענק איז אונזער הויז געווען אַ רשות-הרבים. די שטאָט האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, נאר ער איז געווען רואיק. זיין פריילעך געמיט און זיין ליצנות האָבן אים נישט פאַרלאָזט ביז דער לעצטער מינוט.

— קעצעלע! — פלעגט ער אַ זאָג טאָן צו איינעם פון די אַרומיקע, אַ פּאַרמרה-שחורהטן — וואָס ס'טזיך אַוועקגעזעצט, בעל-בכי מיינער, אין אַ ווינקל — און האָסט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ? ע, שוטה! וואס איז דאס פאר אַן עצבות ווידער? ריר זיך, שטיי אויף, נעם אַביסל וואַסער, פונם „רבי״נס וואַסער, און גיס אַריין אין דיין קליינער מנורה — און סוועט דיר ווערן גרינגער. נישטאָ וואס צו טרויערן! דער וועג איז באַנט.. מיר וועגען יידן, טפּש!..

אַ שעה פאַרן טויט האט ער געטרייסט און געבענטשט אַלעמען. אויך מיך, דעם קליינינקען, האט דער טאַטע אַרונטער־געשטעלט אונטער זיינע הענט, ר'זאל מיך בענטשן. ער האט מיך אַרומגעטאַפּט — די אויגן זענען אים שוין טונקל גע־וואָרן — און האט אַויסגעדריקט זיין ווילן, איך זאל זיין אַ ייד

ווי סדאַרף צו זיין... אין עטלעכע שעה אַרום האט מיך דער טאַטע אויפגעוועקט פון אַ טיפן קינדערשן שלאָף און האט מיך געפירט זיך זעגענען „מיט אים". אויף דער ערד, אַרום אַ גוף איינגעהילט אין שוואַרצן, זענען געשטאַנען ברענענדיקע ליכט. די שטוב איז געווען פול מיט מענטשן.

דער נאָמען „ר' ברוך גאָלדעס" איז געווען אַ פינקט־לעכערער ווי דער אַנדערער: „ר' ברוך שענקער". די שענקעריי איז געווען, אייגנטלעך, דאס געשעפט פון זיין ווייב „גאָלדע, די אשת־חיל", זיין באַשעפטיקונג איז געווען: דאַווענען, חסידות און כלל־זאַכן. אָט דאס לעצטע פלעגט גאָלדע אין אַ הייסער מינוט קרוינען מיטן נאָמען „פאַשוועגדערישקייט און שכרות".

אין אַ פאר־יום־טוב־צייט, און בכלל אין יעדער פאר־ענגטער צייט, פלעגן כמעט אַלע אָרימעלייט פון שטאָט, באַ־זונדערס די חשובערע, די בכבודיקערע און שעמעוודיקערע, קומען צו ר' ברוכן נעמען ביי אים אַ „גמילות־חסד". און אז די „פלונית'טע פלעגט זיך נישט קענען איינהאַלטן און זי פלעגט אָנהויבן לאָזן הערן הויך איר שטימע, פלעגט דער „משוגענער" אָנהויבן מיט זיסע ריידעלעך און ער פלעגט נעמען איינרעדן זיין „עזר־כנגדו". סאיז דאָך זיכער, אז אַזא גרויסע מצוה וויל זי פונקט אזוי גוט ווי ער, אַי וואס, טאָמער שרעקט זי זיך, אז איר געלט וועט פאַרלוירן גיין, — לייגט ער פאָר דעם לוה, ער זאָל ברענגען אַ משכון, ער זאָל זיך מטריח זיין און ברענגען זיין ווינטערדיקן פעלץ. דער־נאָך, ווען מפלעגט דאַרפן, פלעגט קומען דער בעל־משכון און אים צונעמען צוריק—

— דו שרייסט, גאָלדע, אַ וודאי ביסטו גערעכט מיט דיין שרייען... אָבער אָן כעס, מיין ווייב. זאָג אַליין, וואָס קען מען טאָן? און ביי דיר וואָלט רעכט געווען, אז אַ ייד זאל נישט גיין אין בית-מדרש אַריין יום־טוב? — נו? זעסט, איצט פאַרשטייסטו אַליין, אז מהאָט אנדערש נישט געקענט טאָן!

וועדליק, ווי ספלעגט זאָגן זיין בעל-דברטע האט מען געקענט נאך מער „צעפלאַצט ווערן״ — פון זיין שפרות. דאס איז געווען אַ גרויסער חסרון, אייגנטליך איינער פון זיינע פעלערן. סאיז נאָך געווען גוט, וואס געוויינטלעך פלעגט ער קיין „משקה״ נישט נעמען אין מויל אריין, אַ חוץ פון צייט צו צייט אַ קליין גלעזעלע נאָכן דאַוונען; אָבער סהאָבן גע־קלעקט די „יומי־דפגרא״ס אין משך פון יאָר, זיי זאָלן איר פאַרביטערן דאָס לעבן. ער פלעגט מיט זיך מיטברענגען פון קלויז די גאַנצע „חברה״. און אַ כוצדעם, וואס מפלעגט אויס־ראָמען דאָס גאַנצע עסנוואַרג פון שטוב, אפילו וואָס פלעגט זיך געפינען אין די לעכער און באַהעלטענישן, מפלעגט אויס־נישטערן און צוגזלענען אלע מיני געבעקס און איינגעמאכטס פון אויוון און פון קעלער, מפלעגט אויסגעפינען און איינ־שלינגען אלע זויערע אוגערקעס, וועלכע זענען געווען איינגע־שטעלט אויף ווינטער אינם קעלער, וואס אין הויף, — פלעגן זיי נאך מאכן א „תל-עולם״ פון דער גאנצער דירה און ער אין דער שפיץ פון אַלעמען. אָנהויבן פלעגן זיי אין פלוג שטיל, מיט האלב-פארמאכטע אויגן און מיט אַ טרויעריקן ניגון, א פאמעלעכן, אַ יידישלעכן, אַ מחיהדיקן, אָבער צום סוף פלעגן זיי משוגע-ווערן, פלעגן טאַנצן מיט די לעצטע כוחות, און ער פלעגט אַלעמען האלטן ביי די אַקסלען, פלעגט „באַמקען״ נישט מיט זיין קול, פלעגט קנאַקן מיט די פינגער, שרייען „לעבעדיקער, לעבעדיקער!״ — און פלעגט איבערקערן די וועלט...

אמת, דאס איז נאר איין זייט פון דער זאַך. אינדער־אמתן האט ר׳ ברוך פאַרשאפט זיין צווייטער העלפט אויך פארגעניגן מיט זיין נאָמען און זיין אָנזען.

דאַוונען פלעגט ער שטיל, שטייענדיק אומבאוועגלעך אויף איין אָרט, אָן א מינדסטן ריר, מיט אַ פולשטענדיקן בטול־היש. נאָר אַמאל פלעגט ער זיך אויפרייסן און אויסשרייען

מיטן גאנצן כּוח: „טאַטע אין הימל! טאַטע אין הימל!" און ער פלעגט זיך גאָרנישט מאַכן פון דער עבירה, פון מפסיק זיין אינמיטן קריאת־שמע אדער אין שמונה־עשרה.

מהאט עס אַמאָל דערציילט דעם רבין, האט ער אַזאָג געטאָן: „נו"...

---

מיין מאַמע יהודית — דאס איז אַ „יידישע טאָכטער" לויט איר כאַראקטער און לויט איר לעבן. אין מיינע גוטע און אידעאַליסטישע יוגנט־צייטן פלעג איך ליב האָבן זיך צו צעגיסן אין פאָעטישע מחשבות וועגן אירע פיינען, וועגן איר געדולד, וועגן די גרעניצן פון איר וועלטל און איך פלעג זען אין איר דעם סינבאָל פון „דער יידישער פרוי", ווי עס שילדערן זי אונזערע שרייבער פונם באַקאנטן מין. איך פלעג זי אמאָל אויך אנקעגנשטעלן אין מיין פאַנטאזיע מיט מיין פאָטער, סהייסט: ער איז שלום געצל דער מלמד און מער נישט, אָבער זי — זי איז אַ צנועה, זי איז אַ כשרע, זי איז אַ סבלנטע, זי איז איבערגעגעבן צו איר מאַן און קינדער, זי... מיט איין וואָרט, זי איז — „אַ יידישע פרוי"!

איצט... איצט — גאָרנישט. „אַ יידישע פרוי" — אַוודאי: אַן אָרעמע פרוי, וואס לײַדט יסורים.

זי איז אַ נידעריקע. זי האט אַ לענגלעך, שמאָל פנים, פול מיט קליינע גריבעלעך, שפורן פון אַ פּאָקן־קרענק. אַן איינגעפאַלענע ברוסט. אירע אויגן זענען נישט קיין גרויסע, זיי זענען מילדע, און אין דער פייכטער שוואַרצלעכקייט פון זייערע אַפּלען גלאַנצט עפּעס אַ טרויער, וואס נעמט אָן ביים האַרצן.

אז זי איז געווען אַ מיידל — פלעגט זי מיר אָפּט דערציילן — איז זי געווען נישט קיין מיאוסע און זי פלעגט אויך ליב האָבן אַ טאַנץ צו טאָן. אָבער די פּאָקן־קרענק, אויף וועל־

כער זי איז קראַנק געוואָרן צו זיבעצן יאָר, און איר לעבן גופא — דאס לעבן פון אַ יתומה אין הויז פון דער בייזער גאָלדען, ר׳ ברוכס, עליו השלום, ווייב, — האָבן ביי איר צו־גערויבט סיי איר שיינקייט סיי איר פרייַלעכקייט.

(? ב״ח) איר פאָטער ר׳ ירמיה איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ סוכאָטניק. זי איז געוואָרן אַ יתומה קליינערהייט. און כאָטש איר קרובה איז געווען גאָלדע און ר׳ ברוך איז איר נישט געווען קיין קרוב, איז פונדעסטוועגן גאַנץ שווער אָנגע־קומען ר׳ ברוכן צו קריגן די הסכמה פון זיין פרוי אַריינצו־נעמען די יתומה צו זיי אין שטוב. זיי זענען געווען קינדער־לאָזע, נאָר די געשעפטן זייערע זענען תמיד געשטאַנען שלעכט צוליב די „שגעונות" פונם באַלעבאָס. אָבער צום סוף האָט זיך דערמאנט די שענקערקע, אז דאס איבעריקע מויל פאַרמאָגט אויך אַ פּאָר הענט מיטצוהעלפן—און זי האט נאָכגעגעבן דעם מאַן.

בשעת מיין מאַמעס קרענק האט „איר גוטער טאַטע" זיך געראַנגלט מיט אַלע זיינע כּוחות קעגן דער סכּנה — און ער איז זי ביינעקומען. נאָר ווען די קראַנקע איז געזונט געוואָרן און זי האט באַטראכט איר אויסזען און איר מצב — האט זי שוין בעסער געוואָלט דעם טויט איידער דאס לעבן.

אָבער די צאַרטע שטימע פון איר גואל און איר רעטער האט זי נישט אויפגעהערט צו טרייסטן:

— האָב נישט קיין מורא, טאָכטער מיינע, איך וועל דיך נישט אָוועקגעבן פאַר אַן עם־הארץ!

און ער האט מקיים געווען זיין צוזאָג.

אין איינעם אַ פרייטיק־צו־נאַכט — זי איז דאַמאָלס גע־ווען אַ מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, וועלכע איז געשטאַנען אין שדוכים, נאָר אָן הצלחה—האָט מיט זיך ר׳ ברוך געבראַכט פון בית־מדרש אַן אורח, אַ יונגען ליטוואַק, ער זאָל עסן ביי אים, ווי ער פלעגט זיך שטענדיק פירן. ביים עסן האָבן זיי זיך

מפלפל געווען, ער און דער אורח, אין דברי תורה. און אז ר׳ ברוך האט גענומען אויספרעגן דעם אורח וועגן זיין לאַגע, האָט אים יענער דערציילט, אז ער איז אַ בחור. נאָכ־דעם ווי דער אורח איז אוועק פון שטוב און ער איז גע־גאַנגען נעכטיקן אין קלויז, האט איר גוטער טאַטע אויף איר אַ ווייכן קוק געטאָן און ער האט געזאָגט:

— אַ פיינער יונגערמאַן, אַ „מתנגד"... אָבער ער קען אין די שוואַרצע פינטעלעך.

און זי האָט פאַרשטאַנען. אמת, ער האט נישט געפונען קיין חן אין אירע אויגן, אין אירע מיידלשע אויגן, ווייל ער איז געווען אַ נישט־שיינער און אויך זיין ליטווישע שפּראַך האט געקלונגען פרעמדלעך אין אירע אויערן. אָבער צי וועט זי דען זאָגן אַ דעה? זי וועט נאך זיין איבערקלייבעריש? אַ בעל־עגלה אָדער אַ שוסטער וואָלטן דען געווען בעסער איידער ער? זאל זי זיין אומדאַנקבאר און נאָכקלערן אויף דעם, וואס ר׳ ברוך טוט? אויב „ער" געפעלט ר׳ ברוכן — מן־הסתם ווייס ער!

סהאָט נישט לאַנג געדויערט און אַ ניי פּאָרל איז, ביים אַנטייל פון אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט, פון קלעזמער און אונטערפירער און ברענענדיקע ליכט און כּונם שטאָטישן רב ר׳ חנן־נתן, געשטאַנען ביים מיסט־בערגל וואס ביים קלויז אונטער אַן אויסגעהאָפטענעם פּאָרהאַנג, אַן אויסגעשפּרייטן אויף פיר דרענגער. מזל טוב!

---

מיין טאַטע איז אַ מענטש פון מיטעלן און גרעבלעכן וואוקס, זיינע געזיכט־שטריכן זענען מגושמדיקע, די נאָז און די ליפּן גראָבע, די אויגן זענען טונקל־גרויע און די באָרד זיינע איז אַ גרינלעך־געלע. יונגערהייט פלעגט ער זיך שטאַרק

אָפּגעבן מיט אָט דער באָרד זיינער, ער פלעגט זי קעמען און פאַרונדיקן—איצט וואַקסט זי אָן שטערונגען.

אין זיין לעבנס־תּורה שטייט געשריבן: מדארף זיך צופּאַסן צו דער סביבה. צווישן חסידים זיי אַ חסיד און צווישן משׂכּילים—אַ משׂכּיל. זיי ווייך ווי אַ לעמעלע, און פאַר אַ „נגיד"—ווי וואַקס.

ער האט זיך ליב און איז זייער אַמביציעז, אָבער עס קומט אים אָן גרינג זיך איינצוקוועטשן, צוצוגעוואוינען, זיך צוצופּאַסן. זיין גרעסטער באַגער איז: ער זאָל אויך זיין צו לייטן גלייך, ער זאָל קומען צווישען מענטשן און ער זאָל קענען זאָגן זיין וואָרט...

ער איז אַ געבוירענער אין דער ליטע. זיין טאַטן דעם אָרימען וואַסערטרעגער האט ער נישט געקענט, וואָרום ער איז אים אָפּגעשטאָרבן קינדווייז. אָבער, כאָטש ער ווייס דעם אמת, האַלט ער פאַר נויטיק און פאַר ריכטיק זיך צו באַרימען אין צ. אַן אָרט, וואו מקען אים נישט, מיט זיין משפּחה־יחוס און אַלעמען צו דערציילן, אז ער שטאַמט פון גבירים און רבנים, אז דער מינסקער גדול אָדער דער קאָוונער אדיר זענען זיינע קרובים.

אויך ער האט זיך, פּונקט ווי די מאַמע מיינע, אויפגעהאָדעוועט אַ „יתום". זיין מוטער, וועלכע איז נאָכן טויט פון איר מאַן פאַרבליבן אַ וויסטע אלמנה און האט זיך „אויפגעהאלטן" פון פאַרקויפן געקאָכטע באָב און אַרבעס, האט אים אַוועקגעשיקט פון דער היים. האט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אַן איינזאַמער און פאַרוואָרלאָזטער איבער די גאַסן, אַן איינגעוויקלטער אין שמאַטעס און אַ הונגעריקער, און יעדערער פלעגט אים פאַרטשעפּן און שלאָגן אַלעמאַי ער קען נישט דעם „קדיש" ווי סדאַרף צו זיין. נאָכדעם ווי מהאָט אים אַרויסגעטריבן פון דער „תּלמוד־תּורה", האט ער זיך דערצויגן אין די גרויסע ישיבות, וואס אין די קליינע ליטווישע

שטעטלעך. ווען ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלערנט ווי געהעריק די מלאכה פון זיך אויסמערלעקן צו יעדערן און אָפּנאַרן יעדערן, אפילו אזעלכן, וואס האט קיין שום שייכות נישט מיט אים, שוין אָפּגערעדט פון ראש־ישיבה, פון משגיח, פון זיינע ברויטגעבער און די קלויז-דאַוונער; ווען ער האט זיך שוין אויסגעלערנט אָפּצוטאָן שפּיצלעך זיינע חברים, הנאה צו האָבן פון זייער דורכפאַל און צו פאַנגען הערצער דורכן שטענדיקן באַרימען זיך, אז ער איז אַ אויסערגעווייינלעכער „מתמיד“, — איז ער, אַלטווערנדיק פופצן יאָר, געוואָרן אַ מלמד אין די דערפער, דאס הייסט: אַ האָלצהאַקער, אַ וואַסער-טרעגער, אַ פּאַמוניצע-אַרויסטראָגער, אַ בהמה-אָנפיטערער און אַ צילבערעט פאר די הערשאַפט-געפילן פון דער דאָרפישער באַלעבאָסטע, ווי דער מנהג איז. נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגעשטאַנען אויף דעמדאָזיקן פּאָסטן פיר-פינף יאָר, האט אים דאס האַרץ אַ צי געטאָן צו פּרובן זיין מזל אין דער פרעמד און ער האט אַוועקגעוואַנדערט אין די דרום-שטעט פון רוסלאַנד, אונטערן איינפלוס פון די וואונדער-געשיכטעס, וואס עס פלעגן אין יענע צייטן דערציילן אַלע מלמדים, וועלכע פלעגן זיך אומקערן אַהיים אין דער ליטע פון „מרחקים“. אז ער איז געקומען קיין צ. איז ער דאָרט פאַרבליבן, נעמענדיק מיין מאַמע יהודית פאר אַ ווייב, אָדער ריכטיקער, גענומענווערנדיק פאר מיין מאַמע יהודית פאר אַ מאַן.

---

מיין טאַטנס תתונה, פונקט ווי זיין נסיעה אין אַ פרעמד לאַנד נישט באַזיצנדיק קיין פּראָפעסיע אָדער עפּעס אַ קענטשאַפט, זענען געווען, ווי מזאָגט, זאַכן גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָן אַ באַרעכענונג, אָן אַ באַשטימטן ציל, אומבאַוואוסטזיניק. און בכן, ווען די פריקנדיקע קלעזמער זענען שטיל געוואָרן, האָט זיך אויפגעכאַפּט דער כמו-קעניג און דערזען צו

זיין שטוינונג, אז... ער איז געפּענטעט אין שטריק! דאַן האָט זיך ביי אים אין מוח באַזעצט אַ רעיון, אז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ פאַרבאָרגענער שווינדל. אים האָט זיך געדוכט, אז ער האָט שטענדיק געהאַפּט אויף עפּעס גרויסעס — ער איז דאָך עפּעס געפאָרן אין די מרחקים, ער איז געווען אַ „פריי פויגעלע“, ער האָט געטאָן, אַלץ וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט, און איצט — אַ פרעמדער שווער, אַ „חסיד שוטה“, אַ שוויגער אַן „ארורה“, אַ מיאוס ווייב... פונוואַנען נעמט זיך עס אַלץ?

און ער איז אין כעס געוואָרן.

זיין צווייטע העלפט האָט געזען זיין ארומצאַפּלען זיך אין שטייג — און דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען. זי האָט דאָך אים נישט אָפּגענאַרט, זי איז דאך אים געגעבן געוואָרן כדת משה וישראל, טאָ וואָס וויל ער? וואָס ברוגזט ער זיך? פאַרוואָס איז זיין פנים פאַרצאָרנט?

אוןביידע צדדים, וועלכע האָבן איגדעראַמתן זיך נישט אָפּגענאַרט אין עסק, זענען געווען אומצופרידן. נאָכדעם, ווי ר' ברוך איז געווען געצוואונגען נישט מקיים צו זיין זיין צוזאָג אין די תנאים: צו געבן הונדערט רובל נדן און שבתדיקע און יום-טובדיקע קליידער ווי ספירן זיך באַלעבאַטים, האָט ער זיך איבערצייגט, זעענדיק די נקמה-זאַכן, וואָס דער ליטוואַק טוט אַן זיין אומשולדיקע לעבנס-חברטע, אז ער איז אַ „מתנגד גמור“...

און די לאַגע איז ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. די באַלעבאָסטע, גאָלדע די אשת-חיל, האָט געבורטשעט אויף די „אומזיסטע מיילער“ אומדערטרעגלעך. צו פאַרבלייבן ביי ר' ברוכן אין הויז האָט דאָס „פּאָרל“ נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט, און דעם יונגענמאַנס פאַרביטערונג האָט זיך געהאַט אין וואָס צו פאַרקערפּערן. קיין גראָשן נישט, קיין קליידער נישט און קיין עסן אויך נישט!

דאס יונגע ווייבל האט זיך געקוויקט מיט איר „האָניק-חודש". זי האט פלוצלינג „אנגעהויבן צו פאַרשטיין" איר גאנצע גרויסע זינד, די גאנצע שרעקלעכע שולד אירע. פאר וועמען און מיט וואס האט זי געזינדיקט — אויף אַזא פראגע וואָלט זי נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, אבער זי האט זייער געשפירט איר זינד, זי האט געשוויגן. פאר איר שלום-געצלען איז זי געווען גרייט צו גיין אין פייער און אין וואַסער, צו ארבעטן פאר אים די שווערסטע אַרבעט טאָג און נאכט, אַבי סזאָל איר פארגעסן ווערן איר גרויסע זינד לגבי אים...

די לופט-שלעסער זענען צערונען געוואָרן! אמת, סאיז איך פריער פאר איר קיין סוד נישט געווען, אז די קעסט ביי איר באַלעבאָסטע זענען נישט מער ווי א צוזאָג, אז איר גאַנצע האָרעוואַניע אין משך פון צען פעליקע יאָר אין דער שענק, אירע מאַטערנישן טאג און נאַכט האָבנדיק צו טאָן מיט די שכורים, איר גאַנצע ארבעט, וואס האט ביי איר אלץ צוגערויבט, — אז דאס אלץ וועט גאָלדע, איר אויפהאָרע-ווערן, נישט געדענקען און זיך נישט דערמאָנען; אבער זי האט געהאָפט, אז די הונדערט רובל, וואס מהאט דערמאנט אין די „תנאים", וועלן איר קומען צו הילף. זי האט ניטט געוואוסט ווי ווייט אומזיכער סאיז דער מצב פון איר גוטס-טוער און זי איז געווען זיכער, אז ער וועט זיין הבטחה נישט פאַרשווענכן. זי האט געחלומט גאָלדענע חלומות: זי וועט זיך מאַכן עפעס א קליין געשעפט, אַ באַקאַליי-קראָם... זי וועט זיין די שפייזערן, א באַלעבאָסטע פאר זיך, און ער — אַ זיידענער יונגערמאַן, איר כבוד און איר קרוין... און דאס אלץ איז אַוועק מיטן רויך.ביידע זענען אָרימעלייט, „צוויי מתים גייען טאַנצן". און ער דערהרגעט זי נאך נישט!..

אָבער ער האט זיך בעגנוגנט דערמיט, וואס ער האט איר פאַרביטערט דאס לעבן, וואס ער האט איר געדראָט, אז ער וועט זי פאַרלאזו און זי וועט פארבלייבן אַן אייביקע „עגונה".

און די גוטהאַרציקע שכנטעס האָבן שוין געווּמען האָבן צו איר מיטלייד, אנקלאגן איר אין די אויערן אויף איר ביטער מזל, שילטן דעם משומד ימח־שמו, די „שלאַנג". גאָלדען, וועלכע איז שולדיק אין אלץ און אפילו באַרעדן ברוכן אַליין, אז „אויך ער, זאל מוחל זיין, האט פליגן אין נאָז".

די צוקונפטיקע עגונה האט געקליבן נחת פון אלע זייטן, נאָר דער „מתנגד גמור" האט זיינס נישט אויסגעפירט.

ר' ברוך האט נישט געקוקט אויף זיין ווייבס ווארנונג, אז „מוועט אים באַגראָבן אין פרעמדע תכריכים" און האט זיך אויסגעגלייכט מיט „זיין אײדעם" אויף וויפל ער איז נאר געווען ביכולת: ער האט אים אָוועקגעגעבן אַ טייל פון זיינע ספרים, האט אים איבערגעלאָזט אַ שטר־ירושה אויף זיין „שטאָט" אין קלויז און האט זיך באמיט מיטן כוח פון זיין אָנזען אין שטאָט צונויפצונעמען פאר „זיין ליטוואַק" אַ חדר אויפן קימענדיקן „זמן".

אין פון דאַמאָלס אָן פראַוועט מיין טאַטע מלמדות ביזן היינטיקן טאָג.

---